# תבא — ח״י אלול

א. ח״י אלול, דער יום הולדת פון „שני המאורות הגדולים״[1] — דער בעש״ט[2] (מייסד פון תורת החסידות הכללית) און דער אַלטער רבי[3] (מייסד פון תורת חסידות חב״ד) — איז אַלע־מאָל חל בסמיכות[4] צו ש״פ תבא (אָדער בש״פ תבא אַליין).

און וויבאַלד אַז אַלע מועדי (פון לשון „מיועד״ — אַ זמן מיט אַ ספּעציעלן אינהאַלט) השנה זיינען מרומז אין די פּרשיות התורה וואָס ווערן געלייענט אין די זמנים אין וועלכע זיי זיינען חל[5] — דאַרף מען זאָגן, אַז אין פּ׳ תבא איז מרומז אויך דער תוכן פון ח״י אלול (ובפרט אַז ער ווערט אָנגערופן „יו״ט״ און „מועד״ כידוע[6]).

ב. דער נאָמען פון אונזער סדרה [וואָס אין איר איז אָנגעדייט, כידוע[7], דער תוכן פון דער גאַנצער סדרה] איז — (כי[8]) תבוא. דער טייטש פון „תבוא אל הארץ״ איז „לאחר ירושה וישיבה״;

און ניט נאָר אין אונזער פּרשה וואו דער פּסוק איז מפרט „וירשתה וישבת בה״, נאָר ווי חז״ל[9] זאָגן, אַז אומעטום וואו עס שטייט „כי תבוא״ (וכיו״ב[10]) מיינט עס „לאחר ירושה וישיבה״.

און וויבאַלד אַז דאָס איז דער טייטש פון „כי תבוא״ בכל מקום, איז פאַר־שטאַנדיק, אַז הגם מ׳לערנט עס אָפּ פון דעם וואָס „פרט לך הכתוב באחד מהן לאחר ירושה וישיבה״[11], ליגט דאָס אָבער אין דעם תוכן פון וואָרט „תבוא״ גופא.

נאָכמער: „ירושה וישיבה״ מיינט ניט די „ירושה וישיבה״ פון דעם יחיד (אַז נאָכדעם ווי ער באַקומט זיין חלק אין א״י דאַרף ער ברייננגען ביכורים) נאָר — נאָך די י״ד שנה[12] שכבשו וחלקו[13], גאַנץ ארץ ישראל [און ווי מ׳האָט שוין אַמאָל מבאר געווען[14] דעם דיוק לשון רש״י אין אָנהויב פון אונזער סדרה — „מגיד שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה״ (און זאָגט ניט — ע״ד ווי דער לשון הכתוב — „לאחר ירושה וישיבה״) — אַז דערמיט איז רש״י מדגיש, אַז „וירשתה וישבת בה״ דאָ[15]

---

1) ספר השיחות תש״ג ע׳ 141. 142. 146. ועוד.

2) שנת נח״ת.

3) שנת קה״ת.

4) לפעמים בשבוע דש״פ תבא (כקביעות שנה זו — תשל״ז), ולפעמים — בשבוע שלאחריו (לדוגמא בשנת תשל״ה), שגם אז „מתברך״ הוא מש״פ תבא.

5) של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב.

6) ראה בארוכה סה״ש שם ע׳ 140 ואילך. סה״ש תש״ה ע׳ 122 ואילך. ועוד.

וראה בארוכה בענין השמחה ביום הולדת של צדיקים — לקו״ש ח״ה ע׳ 86 שוה״ג להערה 1, וש״נ. וראה ג״כ בעניננו (ח״י אלול): סה״ש תש״ג ע׳ 89 ואילך. שם ע׳ 186 ואילך.

7) ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 58 ואילך ובהנסמן שם. ועוד.

8) כ״ה בטאו״ח סו״ס תכח. וברמב״ם „סדר תפלות״ — „והי׳ כי תבא״. ואכ״מ.

9) קידושין לז, ב. פרש״י שלח טו, יח.

10) ראה פרש״י שלח שם (ע״פ ספרי עה״פ. הובא בפרש״י קידושין שם ד״ה מידי. ועוד).

11) קידושין שם. פרש״י שלח שם.

12) זבחים קיח, ב. פרש״י ראה יב, ח.

13) ראה פרש״י ד״ה אבל חדש, ללמדך, והרי שבת — קידושין שם, א.

14) ראה בארוכה בכ״ז לקו״ש ח״ט ע׳ 152 ואילך.

15) כי הלשון „ירושה וישיבה״ אפשר לפרש (ע״ד הפשט) גם על היחיד (עכ״פ במצות אלו שחיובן על כל יחיד ויחיד בפ״ע) — כמשנ״ת בלקו״ש שם (ע׳ 154).

מיינט כיבוש וחילוק הארץ — **פון גאַנצן לאַנד (וואָס האָט גענומען י"ד שנה[12])];**

**ובמילא, איז אויך דער ענין אין „וירשתה וישבת בה" — ליגט אין תוכן פון וואָרט „תבוא".**

**ג. דער ביאור בזה: דער ריכטיקער טייטש פון „ביאה" איז** — אַריינקומען אינגאַנצן, **ע"ד מאמר חז"ל[16] „ביאה במקצת לא שמה ביאה"; און אויב ס'פעלט אפילו נאָר אַ ביסל אין דעם אַריינקומען — הייסט עס ניט די אמת'ע שלימות[17] פון „ביאה". ע"ד ביאה במים „וטהר"[18] — טבילה — דאַרף דאָך זיין אפילו אַ האָר אויך בא במים[19].**

**דערפאַר מיינט „תבוא" דוקא „לאחר ירושה וישיבה", ווייל נאָר דאַן איז מען** אינגאַנצן **אַריין אין א"י, אין אַן אופן פון** התיישבות. **נאָכמער: מצד דער אחדות פון אידן, איז כל זמן עס איז ניט געווען די התיישבות פון** אַלע **אידן (וואָס דאַרפן זיין דאָרט[20]) אין א"י, פעלט אויך אין דעם „תבוא" פון יעדער אידן[21], הגם ביי אים בפרט איז עס שוין „לאחר ירושה וישיבה" פון זיין חלק — און דערפאַר איז די אמת'ע „ביאה" אין א"י דוקא נאָך כיבוש וחילוק פון גאַנץ א"י.**

**און דאָס איז אויך דער קשר צווישן פ' תבוא און ח"י אלול: דער אויפטו פון תורת החסידות [וואָס איז נתגלה געוואָרן דורכן בעש"ט און דעם אלטן רבי'ן] איז, אַז די עבודה פון תומ"צ זאָל געטאָן ווערן אין אַן אופן פון „תבוא" — אַריינגיין** אינגאַנצן **אין דער עבודה, ביז אַז עס בלייבט ניט איבער קיין נקודה אין מענטשן וואָס איז ניט דורכגענומען מיט תומ"צ, כדלקמן.**

**און כשם ווי אין דעם ענין פון „תבוא" זיינען פאַראַן צוויי ענינים[22]: א) דער** כללות'דיקער **ענין פון „תבוא", ב) די פרטים און אופן אין דעם „תבוא" — „וירשתה וישבת בה",**

**אַזוי זיינען אויך אין ח"י אלול פאַראַן ענלעכע צוויי ענינים[22]: א) דער יום הולדת פון בעש"ט, דער מייסד פון תורת החסידות** הכללית, **ב) דער יום הולדת פון דעם אַלטן רבי'ן, דער מייסד פון תורת החסידות** חב"ד;

---

16) חולין לג, ב. ועיי"ש תוד"ה דכולי.

17) כי גם ביאת רובו שמה ביאה (תוד"ה אפילו — שבועות יז, ב). ובכו"כ ענינים צ"ל דוקא כולו (שמזה מובן שבענינים שדי רובו — אין זה שלימות, כ"א ככולו בכ"ף הדמיון). וראה צפע"נ כללי התוהמ"צ מע' רוב בשחיטה.

18) ראה שמיני יא, לב (לענין טבילת כלי): „במים יובא גו' וטהר". ובתו"כ שם: כולו כאחת יכול מקצתו ת"ל (אמור כב, ז) ובא השמש וטהר מה כו' ביאת שמשו כלו כאחת אף כאן ביאת כלי כלו כאחת; אמור כב, ו־ז: „רחץ בשרו במים ובא השמש וטהר", ועפמ"ש בתו"כ שם (הובא בב"י וב"ח יו"ד ר"ס קצח): כי אם רחץ בשרו, יכול יהי' מרחיץ אבר אבר ת"ל ובא השמש וטהר מה ביאת שמשו כולן כאחת אף במים כולן כאחת. וראה זבחים כו, סע"א: בבואם אל אוהל מועד עד שיבוא כולו לאוה"מ (גם שערו).

19) עירובין ד, ב. סוכה ו, סע"א. ב"ק פב, סע"א.

ולכאורה בש"ס (ב"ק שם) הלימוד הוא בנוגע לחציצה דדוקא רוב ומקפיד מעכב כו',

אבל בשו"ת הצ"צ יו"ד (סקנ"ח ס"א): . . מ"מ כשלא הי' משהו תוך המים משמע לכ"ע מדאורייתא הוא. וכ"נ ממ"ש אאזמו"ר הגאון נ"ע בסוף הל' נדה שלו בדיני תקוני מקוה וז"ל בכדי שלא יהי' שערה צף על פני המים אפילו משהו ח"ו עכ"ל משמע דהוא מדאורייתא. ובשיורי טהרה ליו"ד ר"ס קצח: אם נשאר כ"ש מהגוף או מן השערות חוץ למים לא עלתה אותו טבילה כלל מן התורה. ולא דמי להא דקיי"ל דמדאורייתא מעוטו ומקפיד עליו אינו חוצץ דשאני התם דמ"מ הכל מכוסה במי מקוה כו'.

20) משא"כ בני גד וראובן וחצי שבט המנשי.

21) ראה לקו"ש שם ע' 155. וע"ש, שעפ"ז מתורצת התמי' גדולה: הבאת בכורים ענינה הודי' לה', שאינו „כפוי טובה" (פרש"י פרשתנו כו, ג) — וא"כ צ"ל מחוייב בזה תיכף כשמקבל הטובה, יתחייב היחיד בבכורים להודות לה' כו' תיכף כשמקבל חלק בארץ ויש לו פירות?

22) ראה ג"כ לקו"ש שם ע' 158־160. וראה בארוכה שיחה שלאח"ז ס"ב ואילך.

וואס דער חילוק צווישן זיי איז, כפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר [23], אז דער בעש"ט האט באוויזן ווי מען דארף דינען דעם אויבערשטן, וואס דאס איז בדוגמא צום ענין כללי פון „תבוא" — און דער אלטער רבי האט באוויזן ווי קאן מען זיין אן עובד הוי', ד.ה. ווי אראפצוברענגען דאס בפועל — כולל (והעיקר) אין פרטים, בדוגמא צו „וירשתה וישבת בה", כדלקמן ס"י.

ד. וועט מען דאס פארשטיין בהקדם הידוע [24] אז דער גילוי פון תורת החסידות איז א הכנה צו ביאת המשיח, און ווי ס'איז ידוע [25] דער ענטפער פון משיח צום בעל שם טוב, אז „לכשיפוצו מעינותיך חוצה" איז „אתי מר" — שטייט אין ספרי קבלה [26], אז ביז ביאת המשיח זיינען אלע „גילויים" אין וועלט נאר פון „חיצוניות עתיק" און משיח וועט אויפטאן דעם גילוי פון „פנימיות עתיק".

וויבאלד אז א הכנה האט אין זיך א „מעין" פון דעם ענין צו וועלכן ער איז א הכנה — דארף מען זאגן [24], אז דער אויפטו פון חסידות איז דער ענין פון „פנימיות" אין עבודת האדם בתומ"צ, און דערפאר איז חסידות ממשיך די „פנימיות" [27] פון אלקות, „פנימיות עתיק" [28].

ה. דער חילוק צווישן „פנימיות" און „חיצוניות" אין פשטות (ביי א מענטשן): „פנימיות" מיינט ווי דער מענטש איז לעצמו, און „חיצוניות" — ווי ער שטייט שוין בשייכות צו חוץ, צו א „זולת" וואס איז אויסער אים.

די נפק"מ צווישן זיי אין עבודת האדם:

ווען א מענטש טוט א זאך נאר מיט זיין חיצוניות, איז ער ניט אריינגעטאן אין דעם מיט זיין גאנצן „עצם" ו„פנימיות", נאר בלויז מיט זיין חיצוניות (און אין דעם גופא — נאר די „מדריגה" אין אים וואס האט א שייכות צום ענין וואס איז „חוץ" אים). און דערפאר בלייבט „ער" און די זאך וואס ער טוט — צוויי באזונדערע זאכן.

בשעת אבער א מענטש טוט מיט זיין פנימיות, איז ער אריינגעטאן אין דעם. ווארום וויבאלד אז מצד זיין פנימיות איז ניטא קיין ארט פאר עפעס וואס איז „חוץ" אים, קומט במילא אויס, אז טוענדיק א זאך (אפילו א פרטית'דיקע) מיט זיין „פנימיות" און „עצם" ווערט די זאך פאראייניקט מיט אים, ווי איין מציאות [29].

ו. דאס איז אויך דער אויפטו פון גילוי החסידות:

חסידות (ובכללות פנימית התורה וואס ווערט אנגערופן [30] „נשמתא דאורייתא") איז מגלה די נקודת החיות [30*]

---

(23) „התמים" חוברת ב' ע' נח [עו, ב]. סה"מ תש"ח ע' 292.

(24) ראה בארוכה קונטרס ענינה של תורת החסידות סעיף ד' ואילך.

(25) אגה"ק דהבעש"ט — נדפסה בסו"ס בן פורת יוסף. ובכ"מ.

(26) פע"ח שער הק"ש רפט"ז. לקו"ת שה"ש בסופו.

(27) ואמיתית ענין ה„פנים" הוא בעתיק שכולו פנים ואין בו בחי' אחוריים כלל — ראה לקו"ת חקת נט, ב. ובכ"מ.

(28) ראה ד"ה פדה בשלום העת"ר (בהמשך תער"ב ח"ב) בענין ד„חסיד" שהוא המשכת אור חדש מפנימיות הכתר, בחי' פנימית עתיק ממש — נת' בארוכה בקונטרס הנ"ל.

(29) להעיר מספר השיחות ה'ש"ת (ע' 52): כלל ידוע אז כל עצמי פנימי כו'.

(30) זח"ג קנב, א.

(30*) ראה קונטרס הנ"ל ס"ז ואילך. וראה ג"כ סה"מ תש"ח שם ס"ע 295 ואילך.

פון אַ אידן אין אַלע עניני תומ"צ, וואָס די תכונה פון „חיות" איז, אַז דאָס ווערט פאַראייניקט[31] מיט דער זאַך וואָס ער באַלעבט: „חיות" איז ניט מוסיף קיין נייע פרטים אין דער זאַך וואָס ער באַלעבט [אין אַ גוף חי זיינען ניט פאַראַן מערער אברים ווי אין אַ גוף מת] — חיות בפועל איז ניט קיין באַזונדערע זאַך פון דעם וואָס ער באַלעבט[32], נאָר דאָס איז די נשמה פון דעם גוף פון דעם באַלעבטן, יעדע נקודה פון גוף איז אַ לעבעדיקע נקודה.

און דער טעם אויף דעם איז, ווייל „חיות" איז די נשמה ופנימיות פון מענטשן. און דערפאַר אין אַן אַרט וואו „חיות" קומט אַן, נעמט עס דורך דעם אַרט אינגאַנצן.

און דאָס איז דער אויפטו פון חסידות אין דעם ענין פון תומ"צ: דער לימוד התורה און קיום המצוות קען זיין אין אַן אופן אַז דער איד און די תומ"צ זיינען ווי צוויי זאַכן: אפילו ביי לימוד התורה וואָס דורכדעם ווערט (ווי מבואר אין תניא[33]) אַ „יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו וכו' להיות לאחדים וכו'" מיטן אויבערשטן — איז עס בהנוגע צו זיין כח השכל.

חסידות אָבער, מאַנט און באַווייזט די וועג ווי אַזוי יעדערער קען מגלה זיין זיין „פנימיות" און „חיות" — און מצד פנימיות איז אַ איד איין זאַך מיט תורה ומצוות[34].

ז. דאָס איז אויך די הסברה (בדרך אפשר) פאַרוואָס חסידות איז די הכנה צו ביאת המשיח, ווען עס וועט נתגלה ווערן „פנימיות עתיק":

אַלע מדריגות פון השתלשלות, ביז „חיצוניות עתיק", גיבן אַן אַרט פאַר אַ מציאות וואָס איז „חוץ" פון עצמותו ית'. און דעריבער, אפילו ווען זיי ווערן נתגלה אין וועלט, איז עס אַלץ אין אַן אופן, אַז עס איז נישט שולל בתכלית די מציאות פון וועלט;

„פנימיות עתיק" מיינט דער עצם פון אלקות, וואָס מצד אים איז ניטאָ קיין אַרט פאַר עפּעס וואָס איז „חוץ" אים. און דערפאַר, ווען פנימיות עתיק ווערט נתגלה אין עולמות, איז עס אין אַן אופן, אַז וועלט (במציאותה) מיט אלקות ווערן, כביכול, איין זאַך — „אין עוד מלבדו"[35].

ח. אין דעם חיות האדם, וואָס איז זיך מתפשט אין גוף זיינען פאַראַן צוויי מדריגות[36]:

א) דער חיות כללי וואָס באַלעבט דעם גאַנצן גוף, מיט אַלע זיינע אברים, בשווה; אין דעם חיות איז ניטאָ קיין חילוקים פון איין אבר ביזן צווייטן.

ב) דער חיות[37] פרטי, וואָס איז אויסגעמאָסטן אין יעדן אבר לויט זיינע תכונות [וואָס מצד דעם חיות ווערט דער עקב שברגל אָנגערופן[38] דער „מלאך

31) כידוע (ד"ה כי עמך הש"ת פ"ב. ובכ"מ) שנפש וגוף בערכם זל"ז הם מהות ומציאות. וראה ג"כ ד"ה יחיינו תש"א פ"ב. ועוד.

32) כידוע (המשך תער"ב ח"א פר"י. ועוד) דזה שהגוף חי הוא לא מה שנמצא בו דבר חיוני כ"א שהוא עצמו חי. וראה ד"ה יחיינו שם: דההרגש כמו הרגש זולתו בענין החיים זוהי הוראה על החולי כו'.

33) פ"ה.

34) להעיר גם מלקו"ת בהר מ, ב־ד.

35) ואתחנן ד, לה.

36) ראה בארוכה ד"ה אשרינו הש"ת ספ"א ואילך. המשך ר"ה תש"ח ספ"ב ואילך. ובכ"מ.

37) כי נוסף על זה שבכל אבר יש כח פרטי השורה בו, יש ג"כ חיות פרטי המיוחד לאבר ההוא (ראה המשך תרס"ו ע' רעו. סה"מ תש"ג ע' 14. ועוד).

38) אדר"נ ספל"א. ועייג"כ נזיר נא, א ובתוס' ופי' הרא"ש שם.

המות" שבאדם, וויבאַלד אַז דער חיות איז ניט מאיר בגילוי].

וי"ל אַז דער אונטערשייד צווישן דעם „חיות" החסידות וואָס איז נמשך ונתגלה געוואָרן דורך דעם בעש"ט און דעם „חיות" וואָס איז נמשך ונתגלה געוואָרן דורכן אַלטן רבי'ן — איז ע"ד דער חילוק צווישן די צוויי אופני חיות [39]:

דער בעש"ט האָט מגלה געווען אַ חיות כללי אין תומ"צ, וואָס בכללות האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין דעם ענין פון אמונה. און הגם אַז דער כח האמונה נעמט דורך אַלע כחות הנפש און פועל'ט אויף זיי אין אַן אופן פון חיות, וואָס נעמט זיי דורך אינגאַנצן, וכמש"נ [40] „וצדיק באמונתו יחי'" — מיינט עס אָבער ניט אַז דער חיות האמונה נעמט דורך יעדן כח אויך מצד ענינו הפרטי, נאָר מצד דעם ענין כללי פון יעדן כח, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער נקודת האמונה פון דער נשמה.

און ע"ד ווי דער חיות כללי, וואָס נעמט דורך אַלע אברים און ווערט פאַר־איינציקט מיט זיי — איז עס אָבער ניט פאַרבונדן מיטן ענין פרטי פון יעדן אבר, נאָר מיט דער נקודה כללית פון אַלע אברים (וואָס זיי זיינען אַ טייל פון גוף האדם) [41].

דער אַלטער רבי האָט אָבער ממשיך געווען אַ חיות אין יעדן כח פון דער נשמה (און אין יעדער עבודה אין תומ"צ) אויך מצד דעם תוכן פרטי פון דעם כח; ע"ד ווי דער חיות פרטי וואָס איז אויסגעמאָסטן לויטן ענין פרטי פון יעדן אבר; וואָס דערפאַר איז עס פאַר־בונדן מיט חב"ד, וואָס שכל און די פעולה פון שכל איז דורך תופס זיין די פרטים (קצוות) פון דעם מושכל און אין אַן אופן וואָס ער איז זיך מתלבש אין די כוחות הנפש און פועל'ט אין זיי אין אַן אופן פנימי, אויך מצד דעם תוכן פרטי פון דעם כח.

ט. הגם אַז דער חיות פרטי איז לכאורה אַ נידעריקערע דרגא אין חיות ווי דער חיות כללי — וואָרום: א) ער איז אַ באַגרענעצטער חיות (וויבאַלד ער איז אויסגעמאָסטן לויטן אבר), ב) דער ביטול פון אבר צום חיות איז ניט אַזאַ טיפער ביטול (וויבאַלד אַז דער חיות גיט אַן אָרט פאַרן ענין הפרטי פון דעם אבר) [42] — איז אָבער פאַראַן אַ מעלה אין דעם חיות פרטי אויפן חיות כללי (ביז אַז אין אים טוט זיך אויף אַ דבר חדש):

דאָס גופא וואָס חיות כללי איז ניט פאַרבונדן מיטן ענין הפרטי פון יעדן אבר, איז אַ באַווייז אַז אין אים דריקט זיך ניט אויס די שלימות החיות ממש, וואָס דערפאַר נעמט ער ניט דורך אויך דעם ענין הפרטי פון דעם אבר.

דוקא אין דעם חיות פרטי, וואָס נעמט דורך די אברים מצד זייער ענין הפרטי — און אין אַן אופן פון חיות, וואָס נעמט זיי דורך אינגאַנצן — דריקט זיך אויס שלימות החיות ממש.

און עד"ז איז בנוגע צו תורת חסידות חב"ד: דוקא דורך דעם וואָס דער אַלטער רבי האָט ממשיך געווען דעם חיות פון חסידות אין די פרטי כחות הנפש לויט זייער תוכן, האָט ער ממשיך

39) להעיר ג"כ ממשנ"ת (לקו"ש ח"ב ע' 463 ואילך) בביאור ב' הלשונות שבאגה"ק דכ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע בנוגע לי"ט כסלו — „אור וחיות נפשנו ניתן לנו".

40) חבקוק ב, ד. וראה מכות בסופה. תניא פל"ג.

41) ראה ס' הערכים־חב"ד ע' אברים ס"א, וש"נ.

42) ראה סה"מ באתי לגני ע' מז.

געוועז בשלימותה תורת הבעש"ט [43] (וואָס דערפאַר ווערן אויך די פרטי הכחות דורכגענומען מיטן חיות פון חסידות).

יוד. און דאָס איז אויך דער קשר צווישן ח"י אלול און פ' תבא:

דער חיות כללי פון תורת החסידות הכללית איז נרמז אין דעם ענין פון „תבוא", וואָס מיינט (כנ"ל ס"ג) אַריינ־קומען אינגאַנצן (אין דער עבודה פון תומ"צ), וואָס דאָס איז מצד דער נקודת החיות וואָס תורת החסידות גיט אַריין אין דער עבודה פון תומ"צ;

דערנאָך דאַרף מען ממשיך זיין דעם חיות כללי אין די פרטי הכחות עצמם — וואָס דאָס מיינט „וירשתה וישבת בה" — מ'טראָגט אַראָפּ דעם חיות כללי פון חסידות אין אַ התיישבות [44], אין די פרטי כחות הנפש, וואָס דאָס איז דורך תורת חסידות חב"ד.

(משיחות ש"פ תבא, ח"י אלול, תש"ל. תשל"ג)

---

43) ראה ד"ה פדה בשלום תרפ"ה (בשם אביו כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע — י"ט כסלו עטר"ת). וראה לקו"ש ח"ד ע' 1138 ובהערות שם. ועוד.

44) ראה לקו"ש ח"ט שם, וש"נ.

# ח״י אלול

א. אין דער שיחה פון ח״י אלול תש״ה[1], האט כ״ק מו״ח אדמו״ר געזאגט: ביי חסידים איז פאראן אן אלטער חסידישער ווארט אין צוויי אויספראכן: א) ח״י אלול איז דער טאג וואס האט געבראכט און ברענגט א לעבן אין אלול. ב) ח״י אלול גיט א חיות אין דער עבודה פון אני[2] לדודי ודודי לי.

פון דעם וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר האט איבערגעזאגט ביידע נוסחאות, איז מובן, אז זיי זיינען ביידע אויסגעהאלטן, און אין יעדן נוסח איז דא אן אויפטו אין תוכן לגבי דעם צווייטן[2*] — דארף מען פארשטיין:

נאכדעם ווי עס ווערט געזאגט (אינעם ערשטן נוסח) אז „ח״י אלול . . ברענגט א לעבן אין אלול (סתם)", מיינט דאס אז עס ברענגט א לעבן אין אלע עניני אלול, כולל (די התעוררות אויף) אלע סוגים אין עבודת ה׳ פון דעם חודש

— וועלכע זיינען מרומז, ווי גערעדט כמה פעמים[3], אין די ראשי־תיבות פון אלו״ל: „אנה לידו ושמתי לך"[4] (ערי מקלט) — תורה (כמחז״ל[5] דברי תורה קולטין): „אני לדודי ודודי לי" — קו העבודה, תפלה[6] (וואס איז מחבר אידן מיטן אויבערשטן — „אני לדודי גו׳"[7]); „איש לרעהו ומתנות לאביונים"[8] — גמ״ח; און „(ומל ה״א) את לבבך ואת לבב (זרעך)"[9] — ענין התשובה —

וואס גיט צו נאכדעם דער צווייטער נוסח, אז „ח״י אלול גיט א חיות אין דער עבודה פון אני לדודי ודודי לי", וואס איז בלויז איין סוג עבודה פון (די סוגים וועלכע זיינען מרומז אין די ר״ת פון) אלול?

ב. ויש לומר, אז די צוויי נוסחאות וועגן דעם אויפטו פון ח״י אלול, זיינען בהתאם צו די צוויי מעלות פון דעם טאג[10] אלס דער יום הולדת פון די „שני המאורות הגדולים"[11]: יום הולדת פון דעם בעש״ט — מייסד פון תורת החסידות הכללית, יום הולדת פון דעם אלטן רבי׳ן — מייסד פון תורת חסידות חב״ד.

חסידות חב״ד, אע״פ אז זי איז א המשך פון חסידות הכללית — אראפטראגן תורת החסידות אין אן אופן אז זי זאל ווערן פארשטענדלעך אין חכמה בינה דעת, שכל האדם — האט זי א חידוש מיוחד לגבי חסידות הכללית[12]

---

1) לקוטי דיבורים ח״ג ע׳ 946. ס׳ השיחות תש״ה ע׳ 122.

2) שה״ש ו, ג. — ר״ת אלול (אבודרהם סדר תפלת ר״ה. פע״ח שער ר״ה פ״א. שער הפסוקים עה״פ. ועוד).

2*) וראה בארוכה לקו״ש חכ״ט ע׳ 161 ואילך.

3) הקדמה לקונטרס צד (בסה״מ תיש״א). ליקוט „אלול" (קה״ת תשי״ד, תשל״ה, תש״מ). לקו״ש ח״ב ע׳ 396. ח״ט ע׳ 299. לעיל ע׳ 207. ועוד. וראה גם אלף למטה ר״ס תקפא.

4) משפטים כא, יג. שה״פ ול״ת עה״פ. פע״ח שם.

5) מכות י, א.

6) כ״כ גם באלף למטה שם. וראה עוד אופן בלקו״ש ח״ט שם (הערה 23).

7) וגם היא פולחנא דרחימותא („דודי") — ראה קונטרס העבודה פ״א וג׳.

8) מג״א ט, כב. ספר ערוגת הבושם בשם ס׳ אמרכל.

9) נצבים ל, ו. בעה״ט עה״פ. אבודרהם שם.

10) ועפ״ז יומתק הקשר דהמשך השיחה דח״י אלול הנ״ל — ע״ד יום הולדת הבעש״ט ודאדה״ז.

11) לשון כ״ק מו״ח אדמו״ר בשם אביו — ס׳ השיחות תש״ג ע׳ 142, 146, 188. ועוד.

12) ראה ד״ה פדה בשלום תרפ״ה (בשם אביו